אלץ דורך דעם אידען. זיי, די ליאכען פיהלען, אז מיט זייער און׳ברחמנות׳דיגע הויט שינדעריי וועקען זיי אויף די שנאה פון דעם פויערים פאלק, און אז עס ועט דאך אמאל אויפוועקען זיין צארען. האט מען זיך בעהאלטען אונטער דעם אידען׳ס פלייצעס און געטאהן כל־ערליי מעשים תעתועים.

דער קאזאק קען אפילו לעבען א קרעטשמע נישט פאר־ביינעהן, ווייל:

אז עס נעהט אן אוקראינישער קאזאק, און געהט פארביי די קרעטשמע,
און דער איד לויפט ארויס, און כאפט דעם קאזאק פארן צאפ,
און גיט איהם נאך מיט צוויי קולאקעס איבערן פנים.
„הער־נאר קאזאקאלע, מיט וואס וועל איך די ליאכען ארענדע צאהלען,
אז דו זאלסט לעבען דער קרעטשמע דורכגעהן און נישט אריינגעהן?

דאס אוקראיניש פאלק האט איינגעזעהן אין דעם אידען און אין דעם פאליאק זיינע גרעסטע נאציאנאלע, סא־ציאלע און עקאנאמישע שונאים. דעם ליאך, דעם בעל־הבית האט ער דארט נישט געהאט, דער וואס איז יא געווען האט נישט מורא געהאט, ווייל ער האט געהאט צו זיין פארפיגונג מיליער. אין דער צופלאקערטער שנאה פון א פויע־רים פאלק, וועלכער איז פערשקלאפט דורך א פריצים פאלק, איז דער איד געפאלען דער קרבן. ער האט זיך אליין געמוזט שיצען געגען דעם אנטיסעמיטיזם. איז דאך אזא טישאוויעצער איד ברוך בן אהרן געפאלען אלס קדוש אין קאמפף מיט די קאזאקען. האט דאך שפעטער אונטער בערעסטעצקא, ווען פוילען האט מלחמה געהאלטען געגען די קאזאקען, איבער טויזענד אידען זיך געשלאגען אויף דער פוילישער זייט.

שוין דער אויפשטאנד פון פאווליוק אין יאהר 1637 האט חרוב געמאכט א סך אידישע שטעדט און שטעדטלעך.

אבער די שרעקליכע תקופה פון חמיעלניצקי, די מלחמה פון יאהר 1648 האט אם בולטסטען געוויזען דעם אוקראינישען צארן און זיינע נקמה געפיהלען.

דאס אוקראינישע פאלקס־ליעד באשעפטיגט זיך זעהר בריים מיט דעם קאמפף געגען אידען אין יענע יאהרען.

באגדאן חמיעלניצקי ווערט די פערקערפערונג פון דער פאלקס נקמה און דער מליץ יושר פון די אונ־טערדריקטע פויערים.

דעם 12טען יוני, 1614, שרייבט חמיעלניצקי א בריעף צום פוילישען קעניג וולאדיסלאוו דעם פערטען, און מאטיווירט, פאר וואס די קאזאקען הויבען אן א קאמפף מיט דער פוילישער שליאכטע. צווישען אנדערעס זאגט ער, אז אפילו די אידען, „האפענדיג אויף די הילף פון אייער מאיעס־טעט, טהוען אונז אזעלכע מיאוס׳ע זאכען, וואס אפילו אין דער טערקישער געפאנגענשאפט איז געווען אונמעגליך, אז די קריסטען זאלען בעדארפען ליידען אזעלכע צרות“.

און חמיעלניצקי, דער „איינוואהנער פון טשיגירין, דער רעיעסטרטער קאזאק, דער מיליטערישער שרייבער“ — געהט ארויס אויפ׳ן שטאט־מארק, שטעלט ארויס די פאהנען און רופט די פריינד צונויף:

עי, פריינד, בחורים, וואוילע יונגען,
פרייוויליגע, בראווארניקעס,
צו וואס דארפט איהר קאכען ביער אין די ברויערייען,
צו וואס דארפט איהר זיך אין יוייניצעס ארומשלעפען?
געהט די זשידעס און די ליאכעס ארויסטרייבען פון אוקראינע
און איהר וועט זיך קענען כאטש אויף דריי טעג פיין קאזאקיש א הוליע טאהן

צו דעם האט גערופען דער „נאציאנאלער העלד“ חמיעל־ניצקי. און עס איז ווארעם געווארען אויף אוקראינע, זאגט א פאלקס־ליעד

און עס האט זיך אויפגעהויבען דאס פאלק
אויף דעם אוניושר און „זשידאווסקי גראבעזש“.
און די וואוילע האבען צוראבירט די שענקען, צונעגומען די כלים, די טייערע חפצים.

און די אביונים שטראפט דער פריץ
זעהר שטרענג פארן אידען.
דאס גאנצע הצב, דאס ערד און די חאטע
נעהמט ער צו מיט כח

אין איין ליעד ווערט מאטיווירט אויסם הרוג דער האס צו די אידען. דער באשולדיגטער איז דוקא דער ליאך, וועלכער האט זיך דערשראקען פאר דעם פויער׳ס נקמה, און ער וויל זיך ריינוואשען, און בעשולדיגט אין אלץ דעם אידען.



„העי, איהר אידעלער,
איהר טמא׳דיגע קינדער!
וואס מאכט איהר פאר א בונט פאר א יללה?
אויף א מייל האט איהר דריי שענקען געבויט,
גרויסע שטייערען גענומען.

און די אידען האבען גענומען אנטלויפען פון אוקראינע. זייער שרעק און פחד באראקטעריזירען די פאלקס ליעדער אין א קאמישער פארם. אט אנטלויפען זיי, ראטעווען זייער האב און גוטס, אבער אויף דעם וועג מוזען זיי א סך אריינווארפען אין וואסער אריין. און מען בעוויינט דאס, וואס מען האט פער־לארען. דאס פאלק זעהט אין דעם אידען נאר די תאוה צו געלד, צו רייכקייט. און קאמיש קלינגט פאר זיי די דאזיגע שרעק־ליכע סטראפע, וואס ווערט געבראכט אין איין אוקראינער פאלקס־ליעד.

אט אנטלויפען א דען פון זייער שטארט, ווייל עס געהען די קאזאקען מיט חמיעלניצקי בראש, וועלכער:

Старими жидами орав,

А жидивками баронував,

... котории бували мали дити,

... вин и киньми порозбивав.

מיט אלטע אידען האט ער געאקערט,
און מיט אידענעס געבראנירט,
און ווען עס זיינען געווען קליינע קינדער,
האט ער זיי מיט פערד׳ס קאפיטעס צוהאקט.

און מען גיט א קוק דאס לעצטע מאל אויף די ש.הל, וואס מען האט אויסגעבויט מיט גרויס שמחה און יראת הכבוד. און מען צוזאוויינט זיך — זאגט דאס פאלק און זאגט:

"Школо наша, богомильнице,

Вже нам у тоби не бувати,

У тебе не продавати

За тебе гроший не брати

Тебе ни в пазуху ваяти:

Треба тебе на Вкраини покидати,

Та ще в тебе будуть козаки украиньски срати,

Та ще в тебе будуть нескребени свини заганяти."

א, שוהל מיין, גאטס געבעט פלאץ!
מיר וועלען שוין אין דיר נישט זיין,
לעבען דיר נישט האנדלען,
פאר דיר קיין געלד נישט נעהמען,
און נישט דיר אפילו אין בוזים בעהאלטען.
מיר מוזען דיך אויף אוקראינע איבערלאזען.
און עס וועלען נאר אין דיר די אוקראינישע קאזאקען...
און עס וועלען נאר אין דיר — שמ ציגע חזרים ארייננטרייבען...

פאר וואס האט דאס פאלק אזוי פיעל אידיש בלוט צו־גאסען אין די שרעקענס יאהרען פון חמיעלניטשינע?

אין אן אוקראיניש פאלקס „דומקע“ אונטערן נאמען „זשידאווסקי אוטיסקי נא אוקראיניע“. (א דיישע רדיפת אויף אוקראינע ווערט די פראגע בולט געשטעלט און באלויכטעט.

אויף גאנץ אוקראינע — זאגט דאס ליעד — ארענדירען די אידען אלע פראטקעס, צינזען, שענקען, אפילו צערקווען.

ווען ביי א פויער אדער א קאזאק א קינד געבוירען,
דאן געה נישט צום פאפ נאר א ברכה.
געה צום איד, ארענדאר און לייג אנידער א טאלער,
ער זאל עפענען די צערקווע שפענען
דאס קינדערל אבטויפען.

וויל דער פויער פיש כאפען אין טייכעל, מוז ער דער דען בעצאהלען. געהט ער אדורך לעבען שענק מוז ער אריינגעהן און עפעס געבען צו לייזען. קניען מוז דער קאזאק פאר דעם איד און רופען איהם „גרויסער האר“.

אבער עס איז געקומען „דער געטליכער טאג“ און עס האבען זיך די אידען צונויפגעזאמעלט אויף א זיצונג פון ער אין ביעלאיא צערקאוו, און דערצעהלען מיט פחד, אז דער העטמאן חמיעלניצקי געהט אויף די זשידעס און ליאכעס:

העי, אידעלער, אידעלער ארענדארעס

